# תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום ד' פרשת שלח כ"ג סיון תשע"ח לפ"ק – אחר הצהרים

## אודות הגה"ק משאמלויא זי"ע

**הרה"ג רבי הערש לייב פאללאק שליט"א:** עס איז אינטערעסאנט אז דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) האט געגעבן די נעמען בעיקר נאך זיין זייט.

**רבינו:** דער טאטע איז געבליבן דער איינציגסטער פון זיין משפחה, אלע זיינע געשוויסטער זענען אוועק ביי די קריג. די מאמע האט געהאט מערערע געשוויסטער, ממילא האט ער געבעטן צו האבן די נעמען אויף זיין זייט, ווייל פון די אנדערע זייט וועט דאך זיין נעמען. דער ברודער האט געהייסען נאכן **שאמלויא'ער רב.** דער טאטע פלעגט צו זאגן, אז ער איז אייניקל פון אים, און א תלמיד פון אים, און א חסיד פון אים. וועגן דעם האט ער געוואלט א נאמען געבן, ער איז געווען זייער אדוק אין אים.

**א' מהנוכחים:** ער איז אסאך געווען אין שטוב דארט.

**רבינו:** ער האט געלערנט דארט, איז ער איינגעשטאנען ביי אים אין שטוב. ער פלעגט אלץ צו זאגען, אז עס איז געווען לא פסיק פומיה מגירסא פונעם **שאמלויא'ער רב**, אזוי ווייט אז ווען ער איז אריינגעקומען פרייטאג צו נאכטס אין שטוב, האט ער געזאגט, גוט שבת, גוט שבת, און תיכף ווייטער געזאגט פאר זיך אויסענווייניג דאס לערנען.

## בענין הדפסת ספרי צדיקים

**רבינו** (פנה להאדמו"ר מספינקא ב"פ): איינמאל האב איך שוין באקומען א ידיעה אז מען איז דא געווען (**רבינו שליט"א** לא היה נמצא אז בביהמ"ד).

**האדמו"ר מספינקא ב"פ:** אינו דומה ראיה לשמיעה.

**רבינו:** נאר אויף שמחות.

**האדמו"ר מספינקא:** דער **חקל יצחק** ברענגט אין די הקדמה עשרה מאמרות, אז ער איז אמאל געווען פרייטאג צו נאכטס ביים **אמרי יוסף**, און דער **אמרי יוסף** איז ביים צווייטן טיש אריינגעגאנגען אין שטוב, און דער עולם האט געטאנצט און פארברענגט, און ער האט געזאגט אז מען זאל אויפהערן, עס איז דא עפעס א חשכות אויף די וועלט. עס איז דעמאלטס נסתלק געווארן דער **צמח** (צדיק מוויזניץ זי"ע).

בשעת דער **רבי פון זידיטשוב** איז געזעסן שבעה נאך זיין מאמע, האט ער דאך נישט געקענט לערנען, פלעגט ער זאגן תורה אויף דעם קאפיטל (מ"ט) וואס מען זאגט בבית אבל. ער האט געזאגט סודות און ענינים. און ער האט געענדיגט 'כידוע לרבי יוסף מאיר'. (כוונתו על תלמידו **הרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע**).

איך האב געהערט אז עס איז געבליבן אסאך כתבי ידות. דער טאטע ז"ל איז געווען א איידעם ביי דעם **בארשא רב**, וואס איז געווען א ברודער פונעם **אהבת ישראל**, ער האט געוואוינט אין סיגוט. דער טאטע ז"ל פלעגט זאגן, אז ווען דער **בארשא רבי** איז נפטר געווארן, איז דער **חקל יצחק** געפארן מנחם אבל זיין, און ער האט געזאגט, אז ער האט געהערט אז עס איז דא אסאך כתבי ידות, אסאך תורות, האט ער געזאגט, אז ער האט א קבלה, אז מען דארף דרוקן תיכף, אז נישט געשעהנט עס נישט. דאס איז געווען תש"א, עס איז שפעטער גארנישט געבליבן דערפון.

דער **עטרת צבי פון זידיטשוב** האט מטעם הכמוס נישט געדרוקט קיין ספרים בחייו.

**רבינו:** דער **קאמארנער** האט יא געדרוקט.

**האדמו"ר מספינקא:** דער **חקל יצחק** האט געזאגט יעדע נאכט חנוכה א פשעטיל אויף כבתה, עס איז געווען פון דעם אליין א גאנצער חיבור. דאס ביסל וואס איז דא, **שו"ת חקל**

**יצחק**, איז אויך נאר על פי נס. ווען די רשעים ימ"ש זענען געקומען, האבן זיי געזוכט ווי עס איז באהאלטן צווישן די ספרים געלד און זילבער, און זיי האבן געטראפן די כתבי ידות, האבן זיי עס ארויסגעווארפען אויפן גאניק. און אויך אלע ספרים האבן זיי ארויסגעווארפען, און געזוכט דאס געלט, אזוי איז געווען א גאנצער בארג פון ספרים, און אונטער דעם זענען געווען די כתבי ידות. עס איז אדורך א גאנצער ווינטער, און עס האט גערעגענט, און שפעטער איז דער טאטע אהיימגעקומען, און מען האט עס געטראפען, עס איז בדרך נס ניצול געווארן. עס איז געווען א יוד וואס האט געהייסען רבי יוסף מרדכי בערקאוויטש פון סעליש, ער האט עס געטראפן. אלעס איז מן השמים.

**רבינו:** איך האב געהערט פארציילען, אז ווען דער **קאמארנער** האט געדרוקט זיין ספר, האט ער זיך אויפגעהאלטן ערגעץ אין לעמבערג, אין די פלעצער וואו די דרוקעריי איז געווען. און ער איז איינגעשטאנען אפאר וואכען ביי א חסיד פונעם **דברי חיים** אין שטוב, ווייל ער האט זיך געוואלט אומקוקען אויף די דרוקעריי. אינמיטן האט דער יוד געדארפט פארן קיין צאנז, און ער האט דערציילט פארן **דברי חיים**, אז ער האט א גאסט ביי זיך אין שטוב יעצט, דער **קאמארנער רבי** וואס איז געקומען דרוקען זיין ספר. האט אים דער **דברי חיים** געזאגט, ווען דו גייסט אהיים, זאלסטו זאגען פארן **קאמארנער רבי**, אז איך בין אים מייעץ אז ער זאל אויפהערן דרוקען. דער **גארליצער רב** איז געווען אין שטוב, און ער הערט ווי דער פאטער זאגט עס פאר דעם יוד. ווען דער יוד איז ארויסגעגאנגען איז אים דער **גארליצער רב** נאכגעגאנגען, און ער פרעגט דעם יוד, וואס טראכסטו צו טון. זאגט ער אים, איך האב דאך א שליחות איבערצוגעבן, אז דער רבי האט געזאגט, אז ער זאל אויפהערן צו דרוקן. זאגט אים דער **גארליצער רב**, דו דארפסט טאקע אויספירן דיין שליחות, אבער איך בין דיר מייעץ, אז בעפאר דו גייסט איבערגעבן דעם שליחות, זאלסטו קודם רעדן צו די חברה קדישא, און דיך פארשאפן א גוט פלאץ, און נאכדעם קענסטו איבערגעבן די שליחות. – האט ער שוין געוואוסט אז ער דארף נישט.

## סיפורים וענינים מהרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע, ומהרה"ק מהרי"א מקאמארנא זי"ע

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קאטמונער רב זצ"ל**, ער איז געווען א איידעם ביים **בראשוב'ער רב**, און דער **בראשוב'ער רב** איז געווען א חסיד פונעם **אמרי יוסף**. [ער איז געווען א קאסוב'ער חסיד, אבער ער האט זיך געהאלטן מיט ספינקא], און דער **בראשוב'ער רב** האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער תיכף נאך די חתונה, האט ער זיך מזכיר געווען ביים **אמרי יוסף**. האט אים דער **אמרי יוסף** געזאגט, איך וועל דיר געבן א סגולה, ער האט אים געזאגט א שטיקל **אור החיים הק'**, און דעם **אור החיים הק'** זאל ער לערנען יעדן טאג. און אזוי האט ער געטון, און צום יאר האט ער געהאט א קינד. לימים האט זיך א יוד פאר אים אויסגערעדט אז ער האט נישט קיין קינדער, האט אים דער **בראשוב'ער רב** געזאגט, איך האב א סגולה דערויף פונעם **אמרי יוסף**, צו לערנען א שטיקל **אור החיים הק'** וואס איז א סגולה פאר קינדער. און ער וויל זיך דערמאנען דעם **אור החיים הק'**, און ער געדענקט עס נישט. און ער האט געזאגט, אז ער האט געקענט דעם **אור החיים הק'** אויפן לשון אויסענווייניג. און זייט דעמאלטס האט דער **בראשובער רב** געזאגט, גיי איך אדורך יעדע וואך דעם **אור החיים הק'**, און איך שטעל זיך אפ ביי יעדן שטיקל עקסטער, צו דאס איז געווען די שטיקל, און ער קען זיך נישט דערמאנען. האט ער פארשטאנען, אז דער **אמרי יוסף** האט פאר אים געהאט אוועקגעלייגט א עקסטערע סגולה.

**האדמו"ר מספינקא** (18 עוו.): אין קוממיות איז דא א יוד, וואס האט אויך נישט געהאט קיין קינדער, און דער פריערדיגער **קוממית'ער רב** האט אים געזאגט, אז דער **אמרי יוסף** האט געגעבן פאר זיין עלטער זיידע א שטיקל **אור החיים הק'**, און ער האט עס געלערנט, און דער יוד איז א אור אייניקל, און דער זיידע זיינער האט אויך נישט געדענקט וועלכע. אבער עס איז א **אור החיים הק'** אין פרשת בא. אזוי האט דער אור אייניקל געזאגט.

**רבינו:** נו, קען מען דאך אדורכלערנען גאנץ פרשת בא.

**האדמו"ר מספינקא:** עס דא דארט דער **אור החיים הק'** אויף והגדת לבנך, אז וואס זאל טון עמיצער וואס האט נישט קיין קינדער, זאל ער זאגן אין שטוב, און אין דעם זכות וועט ער האבן קינדער.

דער **קוממיות רב** האט איבערגעזאגט פארן **לב שמחה** די מעשה וואס ער האט געהערט פון דעם יוד בשם דעם **אמרי יוסף**, האט דער **לב שמחה** געזאגט, אז דער **אור החיים הק'** האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער אריינגעלייגט די גאנצע כח ההולדה אין דברי תורה.

**א' מהנוכחים:** עס איז דא וואס זאגן אז ער האט געהאט טעכטער.

**רבינו:** עס זענען דא וואס זאגן אז עס ליגען צוויי יבמות נעבן דעם **אור החיים הק'** (עיין בספר **יד אור החיים הק'** בזה).

**האדמו"ר מספינקא:** דער **בראשוב'ער רב** האט אלץ יונגערמאן געהאט פראבלעמען מיט די אויגן, און די דאקטורים האבן אים געזאגט, אז ער טאר נישט לערנען. איז ער אריבער צום **אמרי יוסף**, און ער האט אים געזאגט, אז די דאקטורים זאגן אז ער טאר נישט לערנען, ווייל עס וועט אים שאדן פאר די אויגן. האט אים דער **אמרי יוסף** געזאגט, אז ער זאל קויפן א גרויסע **שלחן ערוך**, און ער זאל לערנען **מאירת עינים**, דער **סמ"ע**, און יעדן טאג זאל ער ארויפלייגען די ציצית אויף די אויגען. און פון דעמאלטס האט ער קיינמאל מער נישט געליטן אויף די אויגן.

איך האב געהערט פונעם **תולדות אהרן רבי שליט"א**, בשם זיין פאטער, וואס האט געהערט פון זיין שווער **רבי אהרן ראטה זצ"ל**, דער **שומר אמונים**, אז ער פלעגט אסאך פארן צום **חקל יצחק**, און ווען עס האט זיך אנגעהויבן די שווערע צייטן, פיר פינף יאר פאר די מלחמה, איז ער געווען מיט א קוויטל ביים **חקל יצחק**, און דער **חקל יצחק** האט נישט געוואלט נעמען דאס קוויטל, און דער **שומר אמונים** האט אים געפרעגט, פארוואס. האט ער געזאגט, מען הארכט מיר שוין נישט אין הימל, אונז זיץ מיר שוין אויפן בענקל בחינם. און ער האט נישט געוואלט נעמען דאס קוויטל.

**רבינו:** די הקדמות אויפן **אמרי יוסף** זענען שיינע הקדמות.

**האדמו"ר מספינקא:** עס איז דא וואס דער **אמרי יוסף** האט געשריבן אויף **ליקוטי תורה והש"ס** פון **רבי אייזיק'ל**.

**הרה"ג רבי יהושע העשיל קאצבורג שליט"א דומ"ץ בעלזא ב"פ:** דער **אמרי יוסף** שרייבט זייער שטארק אויף דעם שפלות הרוח פון **רבי אייזיק'ל זידיטשויבער**, ווי שטארק עס איז געווען.

**רבינו:** דער **קאמארנער** אליין שרייבט אסאך פונעם שפלות רוח פון **רבי אייזיק'ל**. - **רבי אייזיקל קאמארנער** שרייבט אסאך פון זיך, עס איז נישט דא נאך א ספר וואס א מענטש זאל שרייבען אויף זיך, וויפיל דער **קאמארנער** האט געשריבן.

**הגרי"ה קאצבורג:** משה רבינו האט אויך געשריבן (במדבר יב-ג) והאיש משה עניו מאוד. מען האט געוואוסט די גדלות, און מען האט געהאט שפלות רוח. עס איז נישט געווען א סתירה.

**האדמו"ר מספינקא:** ווען דער **רבי פון לובלין** איז נסתלק געווארן, און מען האט נישט געוואוסט וועם מען זאל נעמען, האט דער **עטרת צבי** גערעדט אויף זיך גדלות, איבער צוויי שעה.

**הגרי"ה קאצבורג:** דער **אפטער רב** האט געזאגט, אז ער איז פארט א יונגערמאן.

**הר"ר חיים אלעזר ראזענפעלד הי"ו** (מירושלים): דער **ראפשיצער רב** איז געווען זייער צובראכן, נאך די הסתלקות פון דריי צדיקים (**הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע** - י"ט אייר תקע"ד, **הרה"ק המגיד מקאזניץ זי"ע** - ערב סוכות תקע"ה, **הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע** - ט' באב תקע"ה). האט זיך דער **עטרת צבי** אנגערופן, וואס פעלט אייך ביי אונז. האט דער **ראפשיצער רב** געזאגט נאכדעם, איך האב נאכנישט געזעהן א יוד זאל זיין אזוי צובראכן ביי זיך, ווי דער **עטרת צבי** איז געווען בשעת ער האט געזאגט די ווערטער.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין, אז דער **ייטב לב** האט געזאגט אויפן **קאמארנער**, אז ווען ער איז געווען ביי זיך אין שטאט, האט ער געהאט א קליין געפארעכטץ. ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויסער זיין שטאט, זענען אים מענטשען באפאלען. האט דער **ייטב לב** געזאגט, אז זיינע חידושי תורה איז זייער חשוב אין הימל, איז ווען ער איז אינדערהיים, און ער האט צייט צו שרייבען, שיקט מען נישט קיין עולם צו אים, אבער ווען ער איז אין דער

פרעמד, שרייבט ער ממילא נישט, דעמאלטס שיקט מען דעם עולם.

**א' מהנוכחים:** עס איז דא א שמועס וועגן דעם אין **טורי זהב** הלכות צדקה (יו"ד סימן רנ"א סק"ו).

**רבינו:** לגבי ביטול תורה וועגן פיקוח נפש[א].

**הגרי"ה קאצבורג: רבי משה סאמבור'ער** האט געפרעגט זיין ברודער **רבי הערש'לע זידיטשוב'ער** פארוואס ווען ער פארט ארויס אויפן וועג, אפילו נישט לדבר מצוה, און ער קומט צוריק, פילט ער א גרויסע הארה, ממש אזוי ווי ווען ער פארט צו א רבי. פון וואו נעמט זיך דאס. האט ער אים געזאגט, אז א יוד גייט אין וועג, און ער טראכט פונעם רבונו של עולם, איז אלע ניצוצות אויף די ביימער און די גראז זענען זיך מדבק אין אים.

**רבינו: רבי משה'לע** אליין שרייבט עס אויף צוויי פלעצער (בספרו **תפלה למשה**).

## אודות הגה"ק רבי יהודא אסאד זי"ע

**א' מהנוכחים:** עס איז יעצט די יארצייט פון **רבי יהודא אסאד זצ"ל** פון סערדאהעלי.

**רבינו:** כ"ג סיון. עס איז דא איין בילד פון **רבי יהודא אסאד**, ווי ער זיצט אויף א שטיל, מיט א גמרא אין דער האנט. דאס בילד האט מען גענומען לאחר פטירתו, ווייל ער האט איבערגעלאזט קינדער אין שטוב, און מען האט זיי געדארפט חתונה מאכן, האט די משפחה אנגעטראגען אז מען זאל מאכן א בילד פון אים, און מען וועט עס פארקויפן, און עס וועט זיין מיט וואס מען זאל קענען חתונה מאכן די קינדער. דער וואס האט גענומען דאס בילד, האט נישט מוציא שנתו געווען[ב]. אזוי פארציילט די וועלט. אויפן בילד האט ער אזא ליכטיגע צורה.

---

[א] ראה **בדרשות חתם סופר** (פ' זכור קצג.) שכתב לבאר מה דאיתא בגמרא (מגילה טז:) גדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות, ויליף ליה ממרדכי דלבתר דעסק בהצלת נפשות ירד ממדריגתו גבי אנשי כנסת הגדולה, משום שלא התמיד בתורה כל כך, והיה רצוי לרוב אחיו (אסתר י-ג), ולא לכל אחיו. והקשה **בטורי זהב** (יו"ד סימן רנ"א סק"ו) הא פקוח נפש דוחה תלמוד תורה. ונראה דודאי פיקוח נפש דוחה תלמוד תורה, והיה מרדכי מחוייב לבטל משום פיקוח נפש, אך הקב"ה שהזמין מצוה זו למרדכי ולא לאחר, משום שתורתו של אחרים הוא חביבה יותר, ולא רצה הקב"ה שיתבטלו הם מתלמוד תורה, על כן הזמין למרדכי, ומשהבינו אנשי כנסת הגדולה כך, הורידוהו מדריגה אחד. וכן כל המצות שאפשר לקיים על ידי אחרים לא יתבטל מתלמוד תורה עבורה, ושאי אפשר לקיימה על כרחך יתבטל, (וכמו שכתב **המג"א** סימן תמ"ד), וגבי לומדי תורה בעצמן, גם כן יבחרו אותן שאין הפסד בביטול תורתם כל כך לעשות המצוה, ואינך ילמדו תורה עכ"ל (ועיין עוד **בשמן ראש** חלק תשיעי במדבר דף קיא).

[ב] נכדו **הרה"ג רבי יהודא גאלדשטיין ז"ל** מספר **בתולדות מהרי"א**: הנה א"ז הגאון בעל המחבר זצ"ל מעולם לא היה נראה תמונת צורתו, כי לא הניח עצמו לצייר את תמונתו (פאטאגראפירען), אמנם הרבה מתלמידיו רצו את תמונתו שישאר להם לזכר, ועל כן גמרו בלבם איזה מתלמידיו אחרי פטירת רבם, והלבישו אותו בבגדי שבת, והושיבוהו על כסאו, וכך ציירו את צורתו הקדושה אשר בנמצא בכמה בתי אחינו בני ישראל. אמנם כל אלו אשר לקחו חבל בזה, הרע להם במאוד, ולימים לא כבירים אחר זה, הלכו לעולמם ונענשו.

וראה **בשו"ת כהנא מסייע כהנא** (ברלין תרצ"ח) שדן המחבר **הרה"ג רבי זאב צבי הכהן קליין זצ"ל** (בסימן י"ב) אי רשאי לעשות תמונה פאטאגראפיע ממת כשמונח בארון. בין היתר הוא מזכיר את **הרה"ג רבי יצחק ווייס מווערבא זצ"ל**, שרצה לאסור בהסתמכו גם על דברי **הרה"ג רבי משה ליב הלוי רוזנבוים זצ"ל** מפרעשבורג, בעל **מתא דירושלים** שכתב וזה לשונו: רע עלי המעשה מאד מה שעשו בק"ק סערדאהעלי, שאחר שמת **הגה"ק מהרי"א זצ"ל** היו מעמידין וציירו אותו למען יוכלו למכור צורתו, ועבירה גדולה היא, דמת אסור בהנאה (ראה **וילקט יוסף** שנה ה' סימן ס', ושנה ח' סימן קסא) ע"כ.

ומענין לענין נציין ענין פלא שסיפר **רבינו שליט"א** בדרשת פרקי אבות פרשת בהר - בחוקותי תש"ע לפ"ק, וזה תוכנה: הנה מה' מצעדי גבר כוננו, להיות בשבוע הבעל"ט בירושלים עיר הקודש, ועל הדרך להיות גם על קברי אבות וקברי צדיקים. ואספר דבר פלא שאירע לי היום, חשבתי לעיין בדברי תורתם של הצדיקים הללו שאני מתכונן להתפלל על קברם, שהרי כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, לעורר את זכותם בדברי תורתם, ששפתותם דובבות בקבר. ובהיות שחשבתי להיות בעיר סערדאהעלי על הציון של **הגה"ק מהר"י אסאד זצ"ל**, לקחתי את ספרו **דברי מהרי"א** על התורה לעיין בו. ובפתחי את הספר הסתכלתי בהקדמת הספר, שיש בו תולדות המחבר, וראיתי שהביא שם מה שסיפר **הגר"מ**

**א' מהנוכחים:** וויפיל יאר צוריק איז דאס געווען.

---

**ניישלאס זצ"ל** אב"ד סקווירא, וזה לשונו: בשנת ת"ש הייתי לקבל פני **הרב הגאון הק' מביקסאד זצ"ל**, ומסרתי לו פתקא כנהוג, וכשקרא שם סערדאהעלי, ביקש אותי שאלך על הציון הקדוש להתפלל עבורו, ואמר לי שלא אלך ביום ב' או ביום ה', כי **הגאון הקדוש מהרי"א זי"ע** הוא מבית דין הגדול, והם יושבים בב' וה', ואינו שם על הציון. ואמר לי היותר טוב ביום עש"ק, אבל על כל פנים לא בב' ובה', והוא פלא ע"כ. - ובראותי זאת נצטערתי, כי לפי סדר הנסיעה רציתי להיות שם בערב ראש חודש, והוא ביום החמישי הבעל"ט.

וכאשר עיינתי אחר כך בפנים בדברי תורתו, בא לפני מאמר הראשון, דבר תורה לראש השנה, אודות מה דאיתא במדרש (דב"ר ב-יד) שאלו מלאכי השרת לפני הקב"ה, אימתי ראש השנה ויום הכיפורים. אמר להם הקב"ה אני ואתם נלך אצל בית דין של מטה. ותמוה, ונראה דאיתא לא אד"ו ראש (טור או"ח סימן תכח), רצה לומר, ראש השנה אינו חל לא ביום א' לא ביום ד' ולא ביום ו'. ועוד איתא כשיש דין למטה אין דין למעלה (מ"ת משפטים ה'). והנה פעמיים ישבו בית דין בשבוע ביום ב' וביום ה', ואז אין דנין למעלה. והנה קשה אימתי יהיה ראש השנה, ביום א' לא, משום לא אד"ו ראש. ביום ב' לא, משום שיש דין למטה. ביום ג' לא, משום דאז חל יום כיפור ביום ה' ואין דנין למעלה. ביום ד' לא, משום לא אד"ו ראש. ביום השבת נמי לא, משום דאז חל יום כיפור ביום ב' ודנין למטה ואין דנין למעלה. אם כן אימתי ראש השנה ויום הכיפורים וכנ"ל. על זה השיב להם הקב"ה, אני ואתם נרד לבית דין של מטה, רצה לומר לדון למטה, ואם כן יוכל להיות ביום ב' וה', ולא קשה כלל כשיש דין למטה אין דין למעלה, שאנו נמי נדון למטה ע"כ. ואם כן דבר שפתיו ברור מללו, כי אדרבה ביום ב' וה' אין דנים למעלה, ואם כן אז הם שוכנים במקומם על משכבם, והזמן גרמא לעורר רחמים, שימליצו טוב על ישראל, ולהמשיך השפעות למטה לצרכי עמך ישראל המרובים, להתברך בשפע ברכה והצלחה בבני חיי ומזוני, ויתקבלו תפלתינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל.

שוב ראיתי שאלו ואלו דברי אלקים חיים, דאיתא בגמרא (שבת קכט:) מי שיש לו זכות אבות יקיז בשני ובחמישי, שבית דין של מעלה ושל מטה יושבין בדין ע"ש. וכתוב בפרי חדש (או"ח סימן קלד) דלכן מרבים בהם תחנונים. אמנם בפרי מגדים (שם מ"ז סק"א) כתוב, דזהו רק למאן דאמר אין אדם נידון בכל יום (ראש השנה טז.), אבל למאן דאמר דנידון בכל יום, אז יש לומר דכשיש דין למטה אין דין למעלה, והם ימי רצון ע"ש.

**רבינו:** תרכ"ו, בערך הונדערט פופציג יאר צוריק. סערדאהעלי איז געווען פון די עלטסטע קהלות אין אונגארן. עס איז נישט ווייט פון פרעשבורג, א האלבע שעה וועג מיט א קאר.

---

## עובדות בענינים שונים

---

**האדמו"ר מלעלוב בית שמש:** מיר זענען געווען צוזאמען מיטן ברודער א שיינע פאר יאר אין ישיבה אין סאטמאר (שהיה מנהל בישיבת סאטמאר בב"פ למשך כמה שנים).

**רבינו:** עס איז מן הסתם געווען ביי אים פון זיינע שענסטע יארן.

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** מיר זענען געווען דעמאלטס, [מיר זאלן זיין אפגעשיידט], זייער צוזאמען. עס איז מער פון וואס איך בין געווען צוזאמען מיט אים אין די ישיבה, ווען איך בין געווען דארט, האבן מיר זיך געהאלטן זייער נאנט. די דברי חיזוק וואס ער פלעגט געבן פאר די בחורים, איז געווען זייער שטארקע. ער פלעגט יעדע וואך רעדן פאר די בחורים דברי חיזוק.

**רבינו:** הוצק חן בשפתותיו, עס איז א עקסטערע ברכה.

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** עס איז זיכער געבליבן א שטארקע רושם פון זיינע דרשות. איך ווייס פון אסאך, אפילו בשעת מעשה זעהט מען עס נישט, אבער ביי בחורים בלייבט עס, און עס קומט ארויס שפעטער. און דאס איז יעצט א טובה פאר די נשמה. דער **בעלזער רב** האט דאך געזאגט ביי די לעצטע תורה, ולמדתם אותם את בניכם וגו', למען ירבו ימיכם וגו', כימי השמים על הארץ (דברים יא-יט), אז מען לאזט איבער תלמידים וואס גייען אין דעם וועג, האט מען חיות דערפון אויבן אויך[ג]. איך בין זיכער אז עס

---

ג וזה תוכן דבריו: דהנה במתים חפשי כתיב (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.), ואין להאדם עליה אלא בחייו על ידי המצות ומעשים טובים, אבל במותו נעשה עומד, שנשאר במדריגתו שהיה לו בעת מיתתו, ואין בו עילוי עוד. אמנם אם האדם מגדל בניו לתורה, או הרב שמגדל תלמידים, הרי גם לאחר מותו חי חי יקרא, שעל ידי המצות ומעשים טובים שהמה עושים, אשר כל זה הוא מכוחו והשפעתו, גם הוא מתעלה למעלה, והימים שלו

איז דא תלמידים וואס זיינע ווערטער האבן אוודאי עושה רושם געווען. און דאס נעמט מען זיך יעצט מיט. אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה (קהלת ט-י), נאר וואס דען, עס ווערט דאך נמשך. איך בין זיכער אז פון אזויפיל דרשות מיט אזויפיל תלמידים, האט עס זיכער געמאכט א השפעה, וואס מכוחו גייט ער ווייטער.

**בנו הרה"ג רבי חיים יהודא:** די תלמידים קומען דא כסדר, און זיי דערציילען.

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** ביי בחורים מיינט מען בשעת מעשה, אז מען הערט נישט. איך הער שפעטער פון תלמידים, אז עס כאפט, און מען נעמט מיט די הנהגות, מען באמערקט עס נאר נישט בשעת מעשה. עס איז זיכער א חשבון, די מעשים וואס מען טוהט ווייטער.

**רבינו:** משה רבינו האט געזאגט (דברים לב-א) האזינו השמים ואדברה, ותשמע הארץ אמרי פי, יערוף כמטר לקחי, תזל כטל אמרתי. ווען עס קומט רעגן, דערקענט מען נישט אז עס טוט עפעס אויף, אויף די פירות, עס איז אינמיטן ווינטער. אבער ווען עס גייט אדורך די גאנצע ווינטער, און דאס רעגן הערט אויף, דעמאלטס הייבן אן ארויסצוקומען די פירות. משה רבינו האט געוואלט זאגן מוסר, זאגט ער, נישט אייביג וויל מען הערן מוסר, מען איז נישט דערביי, זאגט ער, האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ, אפילו עס מאכט נישט קיין רושם יעצט, יערוף כמטר לקחי, עס איז אזוי ווי רעגן און טל, די פירות קומען הערשט ארויס שפעטער, און נישט בשעת מעשה[ד].

---

בשמים המה שוים כמו בהיותו על הארץ, שהוא עובד את בוראו תמיד. ועל כן אמר ולמדתם אותם את בניכם, אז ירבו ימיכם, כי לא רק הימים שאתם חיים על האדמה תחיו, אלא כימי השמים על הארץ, הימים בשמים שלאחר מיתה יהיו שוים להימים שעל הארץ, כי תלכו מחיל אל חיל תמיד ע"כ.

ד נעתיק דברי **רבינו שליט"א** בשיעור **אור החיים הק'** לפני תלמידי הישיבה גדולה, ככלות השבעה, ביום ה' פרשת שלח, וזה לשונו: די וואך בין איך געזעסן שבעה, און איך האב נישט געקענט אסאך לערנען, ווייל א אבל איז אסור בדברי תורה, אבער טראכטען האט מען געקענט אסאך. איך האב געהאט א געוואלדיגען מוסר השכל, און א געוואלדיגע חיזוק פון מיין ברודער זכרונו לברכה, און איך וויל עס מיטטיילען מיט די בחורים. ער איז געווען א מגיד שיעור ביי אונז אין ישיבה אין סאמבאטהעלי, און פאר דעם אין ארץ ישראל, און א שטיק צייט איז ער געווען א מנהל אין סאטמאר, אבער פופצן יאר איז שוין דא, פון ווען ער האט שוין נישט געהאט צוטון מיט יונגערע בחורים. ער איז נישט געווען געזונט כמעט צען יאר, און בערך פופצן יאר האט ער שוין נישט געלערנט מיט בחורים. שפעטער האט ער געזאגט דרשות פאר בעלי בתים, אבער נישט פאר יונגערע בחורים. און עס זענען געקומען יונגעלייט מנחם אבל זיין, און נישט איינס, און נישט צוויי, נאר צענדליגער, האבן געזאגט, אז עס ליגט זיי נאך אין די ביינער די מוסר און די דברי תורה וואס זיי האבן געהערט אלץ בחור. יעדער האט ארויסגעברענגט א אנדערע נקודה, ווי אזוי עס איז געווען זיין הנהגה, ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט, ווי אזוי זיין דאווענען איז געווען. ער איז געווען מנהל אין ישיבה קטנה, אויף די ערשטע צוויי כיתות, אפשר אויך אויף די דריטע כתה. מען רעדט פון פערצן פופצן יעריגע בחורים, און זיי האבן אלע ארויסגעברענגט, אז זיי האבן דעמאלטס נישט פארשטאנען וואס זיי האבן, און עס האט געמאכט א געוואלדיגען רושם שפעטער אויף זייער לעבן. יארן שפעטער ווען מען קוקט צוריק, זעהט מען וואס פאר א רושם עס האט געמאכט אויף זיי, וואס זיי האבן געהערט און געזעהן אין די יונגע יארן.

און עס האט מיר געגעבן א געוואלדיגע חיזוק. מען מיינט אסאך מאל, אז מען רעדט צו בחורים, און מען האלט נישט ביים מקבל זיין, עס איז א שאד פאר יעדן ווארט וואס מען זאגט. אסאך מאל זעהט מען נישט אז עס זאל עושה פירות זיין, און עס טוט אסאך מאל אפקילען, אז עס איז נישט אזוי וויכטיג צו זאגן. מען קען אמאל אויסלאזן א שיעור, עס איז נישט אזוי וויכטיג. עס האט מיר געגעבן א געוואלדיגע חיזוק, מען מיינט אז מען רעדט צו די פיר ווענט. ווען מען רעדט צו יודען, רעדט מען נישט צו די פיר ווענט, עס מאכט א רושם. אפילו נישט בשעת מעשה, און אפשר אפילו נישט אין א יאר ארום, אבער ווען מען ווערט יונגעלייט, יעצט פארציילען זיי, אז זיי הייבן אן מרגיש צו זיין, וואס מען האט געהערט ווען מען איז געווען אין די יוגענט. און עס האט מיר געגעבן חיזוק.

און איך וויל עס ארויסברענגען כלפי די בחורים אויך. מען מיינט אסאך מאל, איך בין ממילא נישט דערביי ביי וואס מען רעדט. מען רעדט פון דאווענען, מען רעדט פון מדות וכדומה, מען זאל קענען א מסכתא, איך בין נישט דערביי, און עס איז א

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** עס איז זיכער אז ער האט זיך מיטגענומען אסאך זכותים. ווען דער **בילגורייער רב זצ"ל** איז אוועק, איז די לויה געווען אין תל אביב, און מען האט אים געלייגט אין טבריה. און דער **בעלזער רב זצ"ל** איז נישט מיטגעפארן, ער איז געבליבן אין תל אביב. און דער זיידע **רבי משה מרדכי** (מלעלוב זצ"ל), איז דעמאלטס אריין צום **בעלזער רב.** - ער האט זיך אנגערופן, אז אלעמאל האט מען געזעהן א שמחה ביים **בעלזער רב**, עס האט געשיינט זיין פנים פון שמחה, אבער דעמאלטס האט זיך עס אביסל דערקענט. עס איז ממש גארנישט געבליבן.

**רבינו:** אזוי האט דער זיידע געזאגט?

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** יא. איז ער נאך די לויה אריין צום **בעלזער רב**, און ער האט אים געזאגט אזוי: ביים זיידן **רבי דוד'ל** וואס האט געוואוינט אין ירושלים, איז געשעהן אמאל א גרויסע זאך. [ער האט גענוצט דעם בעלזער רב'ס דיבור, און דער בעלזער רב האט עס באמערקט, און ער האט געגעבן שוין א שמייכעל]. וואס איז געווען דעמאלטס? עס איז אים אוועק די רעבעצין און א שנור אין איין וואך ל"ע. איז געווען א יוד אין ירושלים וואס האט געהייסען רבי משה קאצקער, און דער רבי משה קאצקער האט געפילט אז ער דארף יעצט קומען מחזק זיין **רבי דוד'ל.** איז ער צוגעגאנגען צו **רבי דוד'ל**, און ער האט אים געוואלט געבן חיזוק. האט אים **רבי דוד'ל** געזאגט, איך ווייס פארוואס דו ביסט געקומען, איך וויל דיר אבער עפעס זאגן, עס איז דא א מדרש (הובא **בשמן ראש** ימ"נ ח"א דף לו), אז עס איז דא א עוף וואס האט זייער מיאוסע פוס, און זי האט זייער שיינע פעדערן. קוקט זי אויף די פוס, ווערט זי זייער צובראכן. קוקט זי אויף די פעדערן ווערט זי זייער פריילעך. אנשטאט מיר זאלן קוקען אויף די פוס, קוקען מיר אויף די פעדערן. דאס האט דער זיידע **רבי דוד'ל** געזאגט פאר דעם רבי משה, אז מיט דעם איז ער זיך מחזק. עד כאן המעשה. בפשטות איז דער פשט, אז מען קוקט דא אונטען זעהט מען א חסרון, עס פעלט. אבער אז מען קוקט אויבן, זעהט מען די שיינע פעדערן, יעצט שניידט מען, יעצט נעמט מען מיט וואס מען האט איינגעפלאנצט. זעהט אויס אז עס האט געגעבן א חיזוק פארן **בעלזער רב**, און ווען דער זיידע איז ארויס, האט ער זיך אנגערופן, דער **לעלוב'ער רבי** איז מיר באמת א גוטער פריינד. - זעהט אויס אז די ווערטער האבן געמאכט א רושם.

**רבינו:** ווען איך בין געווען ביים זיידען, איז ער שוין נישט געווען געזונט. ער איז שוין געלעגן אין א בעט, וואס מען האט ארומגעפירט פון איין פלאץ צום אנדערן.

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** אבער די קאפ האט געארבעט ביז די לעצטע מינוט מיט א קלארקייט.

**רבינו:** תשל"ו בין איך געווען.

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** אויב ער איז נישט געווען געזונט, האט עס געמוזט זיין אביסעלע שפעטער. ווייל תש"מ אדער תשמ"א דעמאלטס האט ער געהאט דעם סטראק.

**רבינו:** קען זיין אז עס איז געווען אביסעלע שפעטער. עס ליגט מיר אין זכרון, ווייל עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב געזעהן אזא בעט, וואס מען האט געקענט פירן פון איין פלאץ אויפן צווייטען פלאץ.

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל שליט"א אב"ד חרדים:** איך מיין אז דער טאטע האט זיך אנגערופן אויפן רבי'ן זאל זיין געזונט, אז ער איז אים אויך א גוטע פריינד.

**הרה"ג רבי חיים יהודא שליט"א:** דער טאטע האט געהאט א הרגש, ער האט געוואוסט ווען צו נעמען. איך געדענק ווען איך בין געווען א קינד, האט מען אמאל גערעדט אין שטוב, אז יעדער איינער ווען די טאטע האט גענומען (למגידי שיעור בישיבת סאטמאר) האט מען שפעטער געזעהן, אז זיי זענען נתגדל געווארן.

---

שאד אז מען רעדט צו מיר. עס איז נישט קיין שאד! עס גייט אריין אין ענק! אפילו עס מאכט נישט קיין רושם תיכף, מאכט עס א רושם שפעטער. און עס האט מיר געגעבן א חיזוק, אז מען טאר זיך נישט צוריקהאלטען, מען דארף רעדן, און מען דארף זאגן, און קיינמאל זיך נישט צוריקהאלטן און זאגן, עס האט נישט געמאכט קיין רושם. מען ווייסט נישט צו עס מאכט א רושם צו נישט, אפילו עס האט נישט געמאכט א רושם בשעת מעשה, אבער יארן שפעטער וועט מען געוואר ווערן, וואס פאר א רושם עס האט געמאכט.

**האדמו"ר מלעלוב ב"ש:** איך בין געווען אין א צווייטע ישיבה, אין טענקא, און פון דארט האט ער מיר גענומען. עס איז ביי אים אויך געווען דעמאלטס דארט זיין ערשטע יאר.

**רבינו:** א מנהל איז ער דעמאלטס געווען דאס ערשטע מאל, אבער א מגיד שיעור איז ער שוין געווען פארדעם (בישיבת סאמבאטהעלי).

**המשך השיחה יבא אי"ה**